בס"ד
קרח באַ"י תשפ"ג
גליון 145

# דעם רבינ'ס ליכט



אַייערע קינדער זאָלט איר מודיע זיין
וואס דאָ האָט זיך גיטאָן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

### אַ גוט שַׁבָּת פַאר אַלע אידן

די וואָך איז פַּרְשַׁת קֹרַח, ווען מיר לערנען די פַּרְשָׁה קען אונז אויסקוקן אַז קֹרַח איז געווען עפּעס אַ פְּשׁוּטֶ'ער מענטש, מען דאַרף וויסן אַז קֹרַח איז נישט געווען אַ פּראָסטער מענטש, קֹרַח מיט זיין געמיינדע זענען געווען גאר גרויסע מענטשן, זיי זענען געווען בַּעֲלֵי הַשָּׂגָה און געהאט רוּחַ הַקוֹדֶשׁ, אַזוי ווי עס שטייט אין פַּרְשָׁה "נְשִׂיאֵי עֵדָה, קְרִאֵי מוֹעֵד, אַנְשֵׁי שֵׁם, זיי זענען געווען הויפּט סַנְהֶדְרִין, בִּפְרַט קֹרַח אַליין איז געווען פון די גרעסטע לְוִיִּם, איז וויאַזוי איז ער אַזוי אַראָפּגעפאַלן צו קריגן אויפן אויבערשטן און אויף משֶׁה וְאַהֲרֹן?

רֶבִּי נָתָן איז מַסְבִּיר אויף עטליכע פּלעצער וואס איז געווען די פְּגַם און נְפִילָה פון קֹרַח, לָאמיר נעמען איין נְקוּדָה וואס איז שַׁיָּיךְ פַאר אונז. (ליקוטי הלכות נט"י לסעודה ו') יעדער איד נישט קיין חילוק וועלכער סאָרט איד, דאַרף זיין געוואָרנט פון חָכְמוֹת! מען זאָל זיך נישט האַלטן ווי אַ חָכָם! ווייל די חָכְמוֹת פון די וועלט שאַטן זייער, בִּפְרַט ווען מען קומט דורכדעם צו מַחֲלוֹקֶת ח"ו, כָּל-שֶׁכֵּן ווען מען קריגט זיך אויף ערליכע אידן וועלכע זענען פרומער פון מיר, אַלץ ווייל עס דאַכט זיך מיר אַז איך בין דער גרויסער חָכָם.

זאָגט רֶבִּי נָתָן: "דאָס איז מער מַזִּיק פון אַלע עֲבֵירוֹת", ווייל מַחֲלוֹקֶת און שִׂנְאַת חִנָּם איז שווערער פון אַלעס, דאָס האָט געבּרענגט דעם חוּרְבַּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ א.א.וו. ווילאַנג אַ איד היט זיך פון אַלע סאָרטן מַחֲלוֹקֶת אויף אֱמֶת, ער איז זיך מְבַטֵּל זיין שֵׂכֶל צום דַּעַת פון די תּוֹרָה און די צַדִּיקִים, האָט ער אַ אייביגע האַפענונג. אַלעס קען פאַרראַכטן ווערן דורך תְּמִימוּת און אֱמוּנָה שְׁלֵמָה אין באַשעפער און אין די הייליגע צַדִּיקִים. דאָס איז געווען דער עִיקָר פְּגַם פון קֹרַח, ער איז דאָך געווען גאָר גאָר גרויס און איז נעבעך אַריינגעפאַלן אין שְׁאוֹל תַּחְתִּיּוֹת ווען ער האָט געקריגט אויף משֶׁה - אַלעס ווייל עס האָט זיך געהאַלטן מיט זיין דַּעַת, ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ חָכָם און זיך נישט געוואָלט אינגאַנצן מְבַטֵּל זיין זיין שֵׂכֶל צום דַּעַת פון משֶׁה רַבֵּינוּ.

דערפאַר האָט מען גענומען די מַחְתּוֹת פון קֹרַח און געמאַכט דערפון אַ דעק פאַר די מִזְבֵּחַ: "אַ זִכָּרוֹן פאַר אידישע קינדער אַז אַ פרעמדער זאָל זיך נישט דערנענטערן... נישט צו זיין ווי קֹרַח און זיין געמיינדע.."

מיר שטייען שוין נאָנט צו חֹדֶשׁ תַּמּוּז, לָאמיר זען וואס דער הייליגער רֶבִּי לערנט אונז אויף

המשך קומענדיגע זייט



המשך פון זייט 1

לְמַעֲשֶׂה וָואס אוּנְזֶער עֲבוֹדָה אִיז אִין דֶעם חֹדֶשׁ.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ נָבִיא מִיטְן נָאמֶען מַלְאָכִי. עֶר הָאט אָנְגֶעזָאגְט דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער זָאלְן גוּט גֶעדֶענְקֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וָואס מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן. דָאס אִיז דֶער לָשׁוֹן וָואס דֶער נָבִיא רוּפְט אוֹיס: "זִכְרוּ תּוֹרַת מֹשֶׁה", זָאגְט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַז דֶער פָּסוּק אִיז רָאשֵׁי תֵּבוֹת "תמז", דָאס אִיז חֹדֶשׁ תַּמּוּז. פְּרֶעגְט זִיךְ אַ קַשְׁיָא, וואו אִיז דֶער אוֹת ו'? תַּמּוּז לֵייגְט מֶען אַזוֹי אוֹיס: תַּמּוּז?

נָאר דִי גְּמָרָא אִין מַסֶּכֶת עֵרוּבִין (נ"ד) זָאגְט: "אִלְמָלֵא לֹא נִשְׁתַּבְּרוּ הַלּוּחוֹת הָרִאשׁוֹנוֹת לֹא נִשְׁתַּכְּחָה הַתּוֹרָה מִיִּשְׂרָאֵל -אוֹיב עֶס וָואלְט נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן גֶעוָוארְן דִי עֶרְשְׁטֶע לוּחוֹת וָואלְט נִישְׁט פַארְגֶעסְן גֶעוָוארְן דִי תּוֹרָה פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער. קוּמְט אוֹיס אַז אִין דֶעם חֹדֶשׁ תַּמּוּז וֶוען עֶס אִיז צֶעבְּרָאכְן גֶעוָוארְן דִי לוּחוֹת, אִיז אָרָאפְּגֶעקוּמֶען אַ שִׁכְחָה, דֶערְפַאר פֶעלְט דֶער אוֹת ו' פוּן תַּמּוּז וַוייל אוֹת ו' ווייזְט אוֹיף דִי לוּחוֹת – וָואס אִיז גֶעוֶוען זֶעקְס טְפָחִים דִי בְּרֵייט אוּן זֶעקְס דִי לֶענְג אוּן ו' אִיז בְּגִימַטְרִיָּה זֶעקְס. דֶערְפַאר אִיז מְרוּמָּז אִין פָּסוּק זִכְרוּ תּוֹרַת מֹשֶׁה אַז אִין דֶעם חֹדֶשׁ דַארְף מֶען מַמְשִׁיךְ זַיין דֶעם זִכָּרוֹן, וַוייל אִין דֶעם חֹדֶשׁ אִיז צֶעבְּרָאכְן גֶעוָוארְן דִי לוּחוֹת.

רֶבִּי נָתָן אִין אַ בְּרִיוו פוּן ר"ח תַּמּוּז שְׁרַייבְּט עֶר אַזוֹי: "זָאלְסְט גוּט גֶעדֶענְקֶען אַלֶע וואוּנְדֶערְלִיכֶע טוֹבוֹת וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיט אוּנְז גֶעטוּן, זִינְט דִי טֶעג פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ פוּן מַתַּן תּוֹרָה בִּיזְן הַיינְטִיגְן טָאג, אַזוֹי ווי דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז שְׁטֶענְדִיג גֶעוָוארְנְט [צוּ הָאבְּן פַאר אוּנְזֶערֶע אוֹיגְן דֶעם זִכָּרוֹן], אַזוֹי ווי דֶער פָּסוּק זָאגְט "זִכְרוּ נִפְלְאוֹתָיו אֲשֶׁר עָשָׂה", "זָכוֹר אֶת הַיּוֹם אֲשֶׁר עָמַדְתָּ לִפְנֵי ה' אֱלֹקֶיךָ בְּחוֹרֵב", אוּן דִי וואוּנְדֶער וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער טוּט מִיט אוּנְז אִין יֶעדְן דוֹר דוּרְךְ דִי אֱמֶת'ע צַדִּיקִים, דִי בְּנֵי עֲלִיָּה פוּן יֶעדְן דוֹר, אוּן בִּפְרַט וָואס עֶר הָאט מִיט אוּנְז גֶעטוּן אִין דֶעם דוֹר טְרָאץ אוּנְזֶער אָרִימְקַייט אוּן אוּנְזֶער פָּשׁוּטֶע עֲבוֹדוֹת, וָואסְפַארַא נִידְרִיגֶע אָרְט מִיר גֶעפוּנֶען זִיךְ, הָאט אָבֶער דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גֶעמַאכְט מִיט אוּנְז גָאר גְרוֹיסֶע וואוּנְדֶער, אַז אוֹיךְ מִיר אִין הַיינְטִיגֶע דּוֹרוֹת קֶענֶען נָאךְ גֶעדֶענְקֶען פוּן אוֹיבֶּערְשְׁטְן אוּן זַיין הֵיילִיגֶע תּוֹרָה (מכתב שנ"ד).

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין גוּט צוּ גֶעדֶענְקֶען דִי הֵיילִיגֶע דִּיבּוּרִים וָואס מִיר הָאבְּן גֶעהֶערְט אוּן גֶעזֶען, מִיר זָאלְן זִיךְ אִינְגַאנְצְן אוּנְטֶערְבֵּייגְן צוּם דַּעַת הַתּוֹרָה אוּן צוּ דִי צַדִּיקִים שֶׁבְּכָל דוֹר וָדוֹר, וֶועלְן מִיר זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן כִּרְצוֹן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְכִרְצוֹן הַצַּדִּיקִים, אָמֵן.

הגליון נתנדב ע"י הר"ר מאיר ווייס הי"ו
לרגל הולדת בנו בשטומ"צ

~ ~

הגליון נתנדב ע"י הר"ר נתן הירש הי"ו
לרגל הולדת נכדתו למזל טוב בשטומ"צ

~ ~

הגליון נתנדב ע"י הר"ר מרדכי יעקב ראטענבערג הי"ו
לרגל הולדת בנו בשטומ"צ

~ ~

הגליון נתנדב ע"י הר"ר אברהם יוסף ווערטהיימער הי"ו
לרגל הולדת בנו בשטומ"צ

# איין מעשה'לע



*דער באשעפער באווייזט וואונדער פאר זיינע ליבע קינדער*

## הֲשָׁבַת אֲבֵדָה

דִּי וָואךְ אָנְהֵייבּ וָואךְ וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעדַארְפְט פָּארְן אִין יְשִׁיבָה, בִּין אִיךְ אַרוֹיס רוּאִיג פוּן שְׁטוּבּ וִויסְנְדִיג אַז אִיךְ הָאבּ נָאךְ גֶענוּג צַייט. צוּ סוֹף וֶוען אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען אוּנְטְן פוּן דִי בַּארְג הָאבּ אִיךְ בַּאמֶערְקְט אַז דֶער בָּאס אִיז שׁוֹין דָא אוֹיבְן פוּן דֶער בַּארְג. דִי עֶרְשְׁטֶע מִינוּט בִּין אִיךְ גֶעוָוארְן זֵייעֶר אָנְגֶעצוֹיגְן, אָבֶּער גְלַייךְ נָאכְדֶעם הָאבּ אִיךְ שְׁנֶעל גֶענוּמֶען בֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל קֶענֶען כַאפְּן דִי בָּאס, כְּדֵי אִיךְ זָאל קֶענֶען אָנְקוּמֶען פְרִי אִין יְשִׁיבָה.

בְּעֶשֶׂת אִיךְ בֶּעט מַיין תְּפִלָּה זֶע אִיךְ וִויאַזוֹי אַלֶע מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן אַרוֹיף אוֹיפְן בָּאס אוּן דִי בָּאס סְטַאנְצְיֶע וֶוערְט לֵיידִיג, בִּין אִיךְ גֶעוָוארְן נָאכְמֶער אָנְגֶעצוֹיגְן אַז דֶער בָּאס פָּארְט שׁוֹין יֶעצְט אַוֶועק. אִיךְ הָאבּ זִיךְ אָנְגֶערוּפְן מִיט אַ תְּפִלָּה צוּם בַּאשֶׁעפֶער: "בַּאשֶׁעפֶער, אוֹיבּ סְ'אִיז מִיר בַּאשֶׁערְט צוּ כַאפְּן דִי בָּאס, זָאל אִיךְ עֶס קֶענֶען כַאפְּן".

אִיךְ גֵיי מִיט שְׁנֶעלֶע טְרִיט אַרוֹיף דִי בַּארְג, אוּן אִיךְ זֶע וִוי דֶער בָּאס וַוארְט אוֹיף עֶפֶּעס! אִיךְ גֵיי נָאךְ שְׁנֶעלֶער אוּן אִיךְ וֶוער פְרֵיילִיךְ וַוייל אִיךְ זֶע וִוי דֶער בָּאס וַוארְט אוֹיף מִיר, פוּן גְרוֹיס שִׂמְחָה הָאבּ אִיךְ זִיךְ בְּשַׁעַתְ'ן גֵיין גֶענוּמֶען דַאנְקְן אוּן לוֹיפְן מִיט פְרֵיילִיכֶע טְרִיט, אַרוֹיפְטַאנְצְנְדִיג אוֹיפְן בָּאס, נָאכְדֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעוַוארְט אוֹיף מִיר אַ שֵׁיינֶע שְׁטִיק צַייט.

**משה בער פארצײלט:** "מיר האבן געוואוינט אין חוץ לארץ, מיין טאטע א ברסלב'ער חסיד פלעגט פארלערנען ביים שבת-טיש דעם הייליגן ספר סיפורי מעשיות, און איך האב באקומען א חשק צו לערנען דעם ספר פאר מיר, אין די יארן פון מיין בר מצוה האב איך אנגעהויבן לערנען פאר מיר די מעשיות, איך האב געהאט אין שטוב איין ספר און אויך אין ישיבה האט איך געהאט א זעקל מיט סיפורי מעשיות און שיחות הר"ן. אזוי ווי איך האב געלערנט אין א געווענליכע ישיבה, נישט קיין ברסלב'ע האב איך געהאט א באהאלטענע שאפע וואס דארט האב איך באהאלטן צווישן די ספרים פון ישיבה מיין זעקל מיט די באליבטע ספרים.

ווען איך בין אנגעקומען צו די מעשה פון 'בעל תפלה', אז דער בעל תפלה האט בוחר געווען נאר אין 'שירות ותשבחות' און פלעגט זיך פארברענגען זיינע יארן מיט לידער און תפלות צום באשעפער, האט דאס מיר זייער אויפגעוועקט און נאנט געברענגט צום אויבערשטן, עס דאכט זיך מיר אז די מעשה האט מיר זייער מקרב געווען צום רבי'ן, ווייל ווי באוואוסט דארף יעדער ברסלב'ער אינגל/בחור נתקרב ווערן צום רבי'ן אליין, יעדער באזונדער דארף זוכן און טרעפן דעם צדיק, די מעשה האט מיר זייער געהאלפן.

# סיפורי מעשיות ווערט אויך פון שלאף

א ידיד מיינער משה ג. א גרויסער שרייבער האט באקומען פון זיין אויבערהאר א שטיקל סיפורי מעשיות ער זאל עס באשרייבן אין עפעס אן ארטיקל. דער משה איז נישט געווען קיין ברסלב׳ער חסיד און נאך גאנץ ווייט פון דעם, ער האט אפגעשריבן דעם באשרייבונג און ווייטער געפארן מיט זיין לעבן.
איין נאכט קלאפט אריין א איד צו אים אין שטוב און גיבט אים א סיפורי מעשיות, ווען דער איד זאגט אים ער זאל לערנען דעם שטיקל סיפורי מעשיות, ער זעצט זיך אראפ און עס קומט אים ארויף אין געדאנק אז ער געדענקט די שטיקל פון ערגעצוואו... ביז ער דערמאנט זיך אז ער האט דעם שטיקל באשריבן אין איינע פון זיינע ארטיקלען, אבער דעמאלט האט עס גארנישט געווירקט אויף אים. ער לערנט נאכאמאל איבער דעם שטיקל און נאכאמאל ווען טרערן פון די אויגן הייבן אן פליסן, נישט איין מינוט, נישט איין האלבע שעה נאר עטליכע שעה אין א צי ווען דער זייגער ווייזט שוין אז דער עלות איז געקומען!
פון דעם טאג איז משה געווארן אן אמת׳ער ברסלב׳ער חסיד בלב ונפש, מקושר צום הייליגן רבין און זיינע עצות.

**לאמיר פארציילן נאך א סיפור פון סיפורי מעשיות.** ברוך - א חסידיש׳ער אינגערמאן האט געפירט א ביזנעס, אידן קומען כסדר צו אים אין אפיס ער איז זייער א פארנומער מענטש אבער ער איז אויך גאנץ א חשוב׳ער מענטש מיט א גרויסן פארשטאנד ,אבער אן אמת׳ן טעם אין לעבן האט ער נישט געשפירט, ער איז געלאפן צו דעם גוטן איד און צו יענעם פרובירן ארויסקוועטשן פון זיי, ער זאל באקומען עפעס מער א נאנטקייט צום באשעפער, אבער אן ערפאלג.
איין טאג האט ער זיך אנגעטראפן מיט דעם ספר סיפורי מעשיות וואס איז געלעגן פארווארפן אין א שאפע ער האט ארייגעבליקט אין דעם ספר נאר פאר אינטערעסאנטקייט, זיינע אויגן האבן זיך געוואנדן צו די מעשה פון חכם ותם, די מעשה האט זייער געגעדט צו אים ער איז דאך גראדע א גרויסער חכם, און עס האט זיך אים געעפנט א נייער וועלט. ער האט זיך געכאפט אז אלע חכמות וואס ער האט זיך אנגעזאמלט ביז היינט קומט נישט צו צו א שטויבל פון דעם ספר. ווי מער ער האט געלערנט סיפורי מעשיות אלץ מער האט ער געכאפט די טיפקייט פון דער הייליגן ספר. מיט דער צייט האבן ברוך פארשטאנען אז דער רבי איז דער וואס קען אים געבן די ריכטיגע עצות און טעם אין לעבן.
ברוך איז היינט א ברסלב׳ער חסיד, לעבט מיט אמונה און תמימות און פשיטות, פארברענגט רוב שעות פון טאג מיט תורה ועבודה און שטרעבט צו גיין אין הייליגן רבינ׳ס וועגן.

# דער בית החיים אין אומאן



*אין קורצן פון פריער: דער גובערנאטאר פון אומאן שיצט די אידן אין זיין פאלאץ פון די צעוואונדעוועטע היידימאקעס.*

דער גראַף האָט גענומען אויף זיך צו פאַרפאַנצערן די אידן אין זיין מעכטיגן פעסטונג וועלכע איז געווען אַרום גערינגלט מיט אַ הויכן שטאַרקן מויער. דאָרט אַהין האָט ער אַריינגעברענגט די נעבעכדיגע פאַרפלאָגטע אידן זיך צו באַשיצן פון די באַרבאַרישע הענט פון די רוצחים גאָנטע און זיין גרופע. דאָ - האָבן זיי געטראַכט צו זיך - וועט די באַנדע נישט קענען אַריינדרינגען, דאָ וועלן מיר מקיים זיין דעם "חבי כמעט רגע עד יעבור זעם", מיר וועלן זיך אויפהאַלטן דאָ עטליכע טעג ביז דער רשע און זיינע מיטהעלפער וועלן אַריבער גיין דעם שטאָט און מיר וועלן איבערלעבן די שווערע צייטן. זענען טאַקע זיך צוזאַמגעלאָפן צום פעסטונג מענער, פרויען און קינדער פון אַלע אַרומיגע געגענטער. דער ריזיגער ציפער מענטשן האָט דערגרייכט צו איבער: "דרייסיג-טויזנט" אידישע נפשות.

עטליכע שעה זענען אַריבער געלאָפן, און אָט הערט זיך די ווילדע שטימעס פון די צולאָזטע רוצחים וועלכע גאַלאָפירן מיט אַ שנעלקייט גלייך צום פעסטונג. באַלד האָבן זיי אַרום גערינגלט דעם פעסטונג און מיט אַ סאַדיסטישן געשריי אויסגערופן צום גראַף: "עפען אויף זאָפאָרט דעם טויער צום פעסטונג". צולייגנדיג אַ סטראַשונקע: "אויב ביז געציילטע מינוטן וועט דער טויער נאָך אַלץ זיין פאַרשפאַרט וועלן מיר דאָס ערשטע אומברענגען דיין איינציגע טאָכטער 'סאָפיע'". אַ שרעק און אַנגסט איז אויף דעם גראַף אַרויף געפאַלן שוינענדיג זיין ליבן טאָכטער 'סאָפיע' וועלכע איז געווען זיין איינציג קינד. נישט האָבנדיג קיין ברירה איז ער מיט שווערע טריט צוגעטרעטן און זיי אויפגעעפנט דעם טיר. די ציושעטע פראים - וואס זייער וואָרט איז קיין וואָרט - זענען צום ערשט טייוולאָניש צוגעלאָפן צו דאָס יונג מיידעלע 'סאָפיע', אַריינגעשטאָכן אַ שווערד אין האַרץ און איר באַלד ערמאָרדעט בעפאָר אַלעם.

דער גראַף - וועלכער האָט באוויזן צו אַנטלויפן און איבערלעבן דעם פאָגראָם - האָט שפּעטער אויפגעבויעט אַ הערליך שיינער גאָרטן וועלכע ער האָט אַ נאָמען געגעבן 'סאָפיע' אויפן אָנדענק פון זיין ליבן טאָכטער. דאָרט האָט ער איינגעפלאַנצט זעלטן שיינע ביימער און בלומען נעבן אַ שיין טייכל וועלכע פליסט אַדורך צווישן זיי.

דער פאַרק שטייט נאָך ביזן היינטיגן טאָג, און פיל ברסלב'ע חסידים - אין אַלע דורות - פלעגן זיך פירן צו גיין דאָרט שפאַצירן און מאַכן התבודדות צווישן אירע ביימער; וועלנדיג אויספאָלגן אַ 'שיחה' פון רבי'ן וואָס האָט זיך אויסגעדרוקט: "זיין אין אומאַן און נישט זיין אין סאָפיע?!".

אָנדייטענדיג אַז עס ליגט עפעס אַ באַהאַלטענער ענין צו באַזוכן דעם סאָפיע-פאַרק, וועלכער איז געבויעט געוואָרן דורך אַן 'אוהב-ישראל' וועלכער האָט למעשה מקריב געווען זיין טאָכטער'ס לעבן פאַרן וואוילזיין פון אידישע קינדער.

המשך יבוא בעז"ה

## א שמועס מיט'ן זיידן



# זיך דערהאַלטן

**בֶּערֶעלֶע** – זֵיידִי, וָואס טוּט מֶען וֶוען עֶס גֵייט נִישְׁט וִויאַזוֹי מֶען וִויל?

**זֵיידֶע** – וָואס מֵיינְט? אֶפְשָׁר קֶענְסְטוּ מִיר אַבִּיסְל עֶרְקְלֶערְן וָואס דוּ מֵיינְסְט?

**בֶּערֶעלֶע** – אִיךְ רֶעדְט וֶועגְן אַלֶע גוּטֶע קַבָּלוֹת וָואס אִיךְ נֶעם זִיךְ אוּנְטֶער. מֵיין חָבֵר שְׁלוֹמִי הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז עֶר גֵייט לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן פוּן פֶּסַח בִּיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת אוּן עֶס הָאט דֶערְוֶועקְט אִין מִיר אַ גְרוֹיסֶער ווילְן אִים נָאכְצוּמַאכְן, אוּן בַּאלְד הָאב אִיךְ זִיךְ אוּנְטֶערְגֶענוּמֶען דָאס צוּ טוּן. אַזוֹי אוֹיךְ הָאט מַיין רֶבִּי אִין חֵדֶר גֶערֶעדְט וֶועגְן דִי חֲשִׁיבוּת פוּן נִישְׁט אַרוֹיסְקוּקְן פוּן סִדּוּר בַּיים דַאוֶונֶען שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, הָאב אִיךְ גְלַייךְ בַּאשְׁלָאסְן בַּיי מִיר אִין הַארְץ אַז אִיךְ גֵיי זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דֶעם דִי מֶערְסְטֶע וָואס אִיךְ קֶען.

**זֵיידֶע** – זֵייעֶר שֵׁיין! דָאס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע זַאךְ!

**בֶּערֶעלֶע** – יָא אָבֶער נָאר אֵיין טָאג הָאט עֶס גֶעהַאלְטְן... אוֹיף מָארְגְן הָאב אִיךְ שׁוֹין גֶעגֶעבְּן דָא דָארְט אַ בְּלִיק אַרוֹיס פוּן סִדּוּר, בִּיז מִיט דִי צַייט בִּין אִיךְ אִינְגַאנְצְן אַוֶועקְגֶעפַאלְן פוּן דֶעם.... אִיךְ הָאב גֶעלֶערְנְט אֵיין עָמוּד פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע מַעֲשֶׂה אוּן פַארְלוֹירְן מַיין סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת... בְּעֵרֶךְ אַזוֹי גֵייט מִיר אִין אַלֶע זַאכְן. לְמָשָׁל אִיךְ הָאב גֶעוָואלְט רֶעדְן יֶעדְן טָאג אַפָּאר וֶוערְטֶער צוּם בַּאשֶׁעפֶער פַארְן שְׁלָאפְן, אוּן מַאכְן אַ סֵדֶר פוּן זָאגְן תְּהִלִּים, רֶעדְן שֵׁיין צוּ  מֵיין בְּרוּדֶער אוּן נָאךְ אוּן נָאךְ אַסַאךְ גוּטֶע זַאכְן, אָבֶער פוּן

אַלֶעס בִּין אִיךְ גֶעפַאלְן צוּם סוֹף... אִיךְ הֵייבּ אָן צוּ טְרַאכְטְן אֶפְשָׁר אִיז דָאס נִישְׁט פַאר מִיר דִי אַלֶע זַאכְן?...

**זֵיידֶע** – חַס וְשָׁלוֹם, זִיכֶער קֶענְסְטוּ! נָאר דִי וֶועג אִיז אַז אֵיידֶער אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה צוּ קוֹנֶה זַיין אַ גוּטֶע מִדָּה, אָדֶער זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין אַ זַאךְ פְּרָאבִּירְט מֶען אִים אוֹיס פוּן הִימְל צוּ עֶר ווִיל טַאקֶע אֱמֶת'דִיג, דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען זַיין קְלוּג אוּן זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע עַקְשָׁנוּת, נִישְׁט אוֹיפְצוּגֶעבְּן.

**בֶּערֶעלֶע** – אוּן אוֹיבּ מֶען פַאלְט אַרָאפּ?

**זֵיידֶע** – הֵייבְּט מֶען זִיךְ אוֹיף! דָאס אַלֶעס!!! מֶען הֵייבְּט אָן נָאכְאַמָאל!

**בֶּערֶעלֶע** – וָואס, אַזוֹי פָּשׁוּט?

**זֵיידֶע** – יָא, יָא! לָאמִיר דִיר פְּרֶעגְן בֶּערֶעלֶע, בִּיסְטוּ שׁוֹין אַמָאל גֶעלָאפְן אוּן אַרָאפְּגֶעפַאלְן?

**בֶּערֶעלֶע** – אַוַודְאַי אָן אַ שִׁיעוּר מָאל!

**זֵיידֶע** – נוּ, וָואס הָאסְטוּ דֶעמָאלְס גֶעטוּן?

**בֶּערֶעלֶע** – וָואס הֵייסְט? אִיךְ הָאבּ זִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן אוּן וַוייטֶער גֶעלָאפְן....

**זֵיידֶע** - הָאסְטוּ נִישְׁט גֶעטְרַאכְט אֶפְשָׁר צוּ בְּלַייבְּן לִיגְן אוֹיף דֶער עֶרְד אוּן שׁוֹין... 'אַזוֹי פִיל מָאל בִּין אִיךְ שׁוֹין גֶעפַאלְן... אֶפְשָׁר גֶענוּג אִיךְ וֶועל בְּלַייבְּן לִיגְן אוֹיף דִי זָאמְד'?

**בֶּערֶעלֶע** - כַּא.. כַּא... נֵיין! קֵיינֶער גֵייט נִישְׁט טָאן אַזַא זַאךְ, וֶוען אֵיינֶער וֶועט אַזוֹי טְרַאכְטְן וֶועט עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט קֶענֶען גֵיין...

**זֵיידֶע** - דוּ פַארְשְׁטֵייסְט אַ עִנְיָן בֶּערֶעלֶע... זֵייעֶר גוּט! אִין עֲבוֹדַת ה' אִיז אוֹיךְ אַזוֹי, הִתְחַזְּקוּת מֵיינְט נִישְׁט אַז מֶען פַאלְט נִישְׁט, וַוייל דָאס קֶען נִישְׁט זַיין, נָאר הִתְחַזְּקוּת בַּאדֵייט אַז אוֹיךְ וֶוען מֶען פַאלְט אַרָאפּ פוּן דִי גוּטֶע זַאךְ וָואס מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁטַארְקְט מֶען זִיךְ אוּן מֶען הֵייבְּט אָן נָאכְאַמָאל מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט.

**בֶּערֶעלֶע** – וַואוּ, אַזַא חִידּוּשׁ! אוּן אִיךְ הָאבּ

גֶעמֵיינְט אַז מֶען דַארְף הָאבְּן הִתְחַזְּקוּת זִיךְ צוּ הַאלְטְן שְׁטַארְק מִיט דִי זַאכְן וָואס גֵייט מִיר גוּט, אָבֶּער אוֹיבּ אִיךְ בִּין גֶעפַאלְן אִיז שׁוֹין פַארְפַאלְן...

**זֵיידֶע** – דָאס אִיז דִי אַרְבֶּעט פוּנֶעם בַּעַל דָבָר, צוּ פַארְנַארְן אוּן פַארְקְרִימֶען דֶעם לִיכְטִיגְן אֱמֶת, אָבֶּער בָּרוּךְ ה' מִיר הָאבְּן דֶעם רֶבִּי'ן וָואס לֶערְנְט אוּנְז אַז אַזוֹי גֵייט עֶס בַּיי יֶעדְן מֶענְטְשׁ וָואס וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, "מֶען דְרַאפֶּעט זִיךְ אוּן מֶען פַאלְט"... אֲפִילוּ אִין אֵיין שַׁחֲרִית, אוֹיבּ מֶען הָאט שׁוֹין אַרוֹיסְגֶעקוּקְט פוּן סִדוּר קֶען מֶען אָנְהוֹיבְּן נָאכְאַמָאל זָאל כָאטְשׁ דִי אִיבְּרִיגֶע תְּפִלָּה זַיין גוּט... אוּן אַזוֹי אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף אַלֶע צַדִיקִים אוּן עוֹבְדֵי ה'.

מֶען דֶערְצֵיילְט אַז אִין דִי צַייטְן פוּן ר' נָתָן זַ"ל הָאט מֶען גֶעהֶערְט אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע מַעֲשֶׂה אַז דֶער רָב פוּן בַּאלְפוֹר וָואס אִיז גֶעוֶוען בַּאוואוּסְט פַאר אַ צַדִיק אִיז פְּלוּצְלוּנְג לַיידֶער גֶעפַאלְן אוּן אָפְּגֶעלָאזְט אִינְגַאנְצְן זַיין אִידִישְׁקַייט. וָואס אִיז גֶעוֶוען דִי מַעֲשֶׂה מִיט אִים? דֶער רָב פוּן בַּאלְפוֹר פְלֶעגְט פְּרַאוֶוען תַּעֲנִיתִים אוּן סִגוּפִים, עֶר פְלֶעגְט פַאסְטְן אַסַאךְ מָאל אַ גַאנְצֶע וָואךְ א.ד.ג. אֵיינְמָאל אִינְמִיטְן אַ תַּעֲנִית וֶוען עֶר הָאט עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין שׁוּל אִין עֲבוֹדַת ה' הָאט אִים אָנְגֶעכַאפְּט אַ שְׁרֶעקְלִיכְן הוּנְגֶער, עֶר הָאט גֶעפִילְט אַז עֶר מוּז עֶסְן, אָבֶּער וָואס טוּט מֶען, זָאל עֶר בְּרֶעכְן דֶעם תַּעֲנִית וָואס עֶר הָאט גֶענוּמֶען אוֹיף זִיךְ? דֶער רָב אִיז גֶעוֶוען פַארְצְוֵוייפְלְט, עֶר פִילְט אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט נִישְׁט עֶסְן קֶען עֶר אוֹיסְגֵיין. הָאט עֶר בַּאשְׁלָאסְן צוּ נֶעמֶען דִי זֶעקְל פוּן דִי בַּאהַאלְטֶענֶע מַצָּה וָואס מֶען לֵייגְט אִין שׁוּל פַאר אַן עֵרוּב, דָאס וֶועט עֶר עֶסְן אוּן אַבִּיסְל אָפְּכַאפְּן דָאס הַארְץ. דֶער רָב הָאט אַזוֹי גֶעטוּן אוּן הָאט גֶעוָואלְט צוּרִיק גֵיין צוּ זַיין ווִינְקְל לֶערְנֶען, אָבֶּער - - וָואס דֶער רָב הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז אוֹיבְן בַּיי דִי וַוייבֶּער שׁוּל אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אֵיינֶער אוּן צוּגֶעקוּקְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, יֶענֶער הָאט

גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'פַארְשְׁטֵייסְטוּ מִיר, דֶער רָב אִיז אַ נִידְרִיגֶער שְׁפִּילֶער... עֶר מַאכְט זִיךְ פַאר אַ צַדִיק אוּן שְׁטִילֶערְהֵייט גֵייט עֶר עֶסְן מַצָּה אִין שׁוּל...' דֶער מֶענְטְשׁ אִיז גֶעלָאפְן אוּן דֶערְצֵיילְט זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען פַאר אַלֶע מֶענְטְשְׁן פוּן שְׁטָאט, דִי לָשׁוֹן הָרָע אִיז אַרִיבֶּערְגֶעלָאפְן ווִי פַייעֶר אִיבֶּער דֶערְנֶער בִּיז דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט הָאט גֶערֶעדְט אַז דֶער רָב אִיז נִישְׁט מֶער ווִי אַ שֵׁיינֶער שְׁפִּילֶער...

וֶוען דֶער רָב הָאט גֶעזֶעהְן אַז אַלֶע רֶעדְן אוֹיף אִים, אִיז עֶר גֶעוָוארְן אִינְגַאנְצְן צֶעבְּרָאכְן אוּן גֶעפַאלְן בַּיי זִיךְ, אוּן פוּן רוֹב בּוּשׁוֹת אוּן בִּזְיוֹנוֹת הָאט עֶר אָפְּגֶעלָאזְט זַיין גַאנְצֶע אִידִישְׁקַייט רַחֲמָנָא לִצְלַן.

וֶוען ר' נָתָן הָאט גֶעהֶערְט דִי מַעֲשֶׂה הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "וֶוען דֶער רָב וָואלְט גֶעהַאט אוּנְזֶערֶע הִתְחַזְּקוּת, וֶוען עֶר וֵוייסְט אַז אוֹיךְ וֶוען מֶען פַאלְט קֶען מֶען זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן, אוּן עֶר וָואלְט גֶעמַאכְט אַבִּיסְל יִשּׁוּב הַדַעַת צוּ מִיטְן עֶסְן אַבִּיסְל מַצָּה הָאט עֶר דֶען גֶעהַאט אַן עֲבֵרָה? עֶס אִיז דָאךְ גֶעוֶוען פִּקּוּחַ נֶפֶשׁ! מֶען קֶען צוּרִיקְלֵייגְן אַן אַנְדֶערֶע מַצָּה אוּן מַאכְן אַ נַייעֶ עֵרוּב אוּן שׁוֹין!

**בֶּערֶעלֶע** – נֵיין, ס'אִיז אֶפְשָׁר נִישְׁט גֶעוֶוען אַזוֹי אַנְגֶענֶעם פַאר דֶעם רָב אַז עֶר אִיז גֶעפַאלְן פוּן זַיין זַאךְ, אָבֶּער עֶר הָאט נִישְׁט שְׁלֶעכְט גֶעטוּן.

זֵיידֶע – רִיכְטִיג, וָואס הָאט אִים גֶעפֶעלְט? **זֵיידֶע** הִתְחַזְּקוּת! אַפָּאר דִיבּוּרִים פוּן רֶבִּי'ן, אַז אַוואוּ מֶען וֶועט נָאר פַאלְן אִיז נָאךְ אַלֶץ דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער מִיט אִים! וֶוען עֶר וֵוייסְט דִי וֶוערְטֶער וָואלְט דָאס אִים גֶעהַאלְטְן.

דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעבְּן אַזַא אוֹצָר, מִיר וֵוייסְן גָארְנִישְׁט וָואס מִיר פַארְמָאגְן, דִי הִתְחַזְּקוּת פוּן רֶבִּי'ן אִיז אַ הַצָּלַת נְפָשׁוֹת, עֶס קֶען רַאטֶעוֶוען אַ מֶענְטְשׁ פוּן דִי שְׁוֶוערְסְטֶע פְלֶעצֶער, פוּן וֶועלְכֶע שְׁוַוארְצֶע גְרוּבּ אַ מֶענְטְשׁ זָאל נָאר אַרַיינְפַאלְן קֶען עֶר אֵייבִּיג זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן אוֹיפְהֵייבְּן.

# דִי מַעֲשֶׂה פוּן בִּטָחוֹן

## – פוּן רַבֵּינוּ נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב זיע"א –

### עֶר הָאט דָאס דֶערְצֵיילְט: לֵיל ד' אֱלוּל שְׁנַת תקס"ו

[אַ קוּרְצֶע צַייט נָאכְן דֶערְצֵיילְן "אִין זוּמֶער שְׁנַת תקס"ו", דִי עֶרְשְׁטֶע מַעֲשֶׂה 'אֲבֵידַת בַּת־מֶלֶךְ', פוּן 'סִפּוּרֵי־מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת'. (דִי דָאזִיגֶע 'מַעֲשֶׂה מִבִּטָחוֹן' אִיז נִישְׁט אַרַיינְגֶערֶעכְנְט אִין דִי 'גָאר־הוֹיכֶע' 'סִפּוּרֵי־מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת')].

**[אוֹת א]** רַבֵּינוּ זַ"ל הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן אוּן גֶעזָאגְט: 'נָאךְ הָאבּ אִיךְ דֶערְצֵיילְט: אַ 'מַעֲשֶׂה פוּן בִּטָחוֹן' – אוּן דָאס אִיז דִי מַעֲשֶׂה:

אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ 'מֶלֶךְ'! – הָאט עֶר זִיךְ גֶעטְרַאכְט: "וֶוער קֶען טְרֶעפְן אַזַא מֶענְטְשׁ, וָואס הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם 'דַאֲגָה' אוּן קַיין שׁוּם 'יִסוּרִים', חוּץ מִיר; וַוייל אִיךְ הָאבּ אַלֶעס גוּטְס, אוּן קֶענִיג אוּן גֶעוֶועלְטִיג אוֹיף דֶער וֶועלְט"!

אִיז עֶר דָאס אַלֵיין גֶעגַאנְגֶען נָאכְפָארְשְׁטְן! – עֶר פְּלֶעגְט גֵיין בַּיינַאכְט, אוּן הָאט זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט אוּנְטֶער דִי הַייזֶער, זִיךְ צוּהֶערְן צוּ דִי רֵייד פוּן דִי וֶועלְט! – הָאט עֶר גֶעהֶערְט דִי זָארְג פוּן יֶעדְן בַּאזוּנְדֶער: "אַז דֶעם פִּירְט זִיךְ נִישְׁט כְּסֵדֶר אִין גֶעשֶׁעפְט"!

דֶערְנָאךְ אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּ אַ אַנְדֶער שְׁטוּבּ, הָאט עֶר גֶעהֶערְט אַז יֶענֶער הָאט אַ זָארְג: "אַז עֶר דַארְף אָנְקוּמֶען צוּ דֶער מַלְכוּת"! – אוּן אַזוֹי הָאט עֶר גֶעהֶערְט אַנְדֶערֶע זָארְג פוּן יֶעדְן בַּאזוּנְדֶער!

**[אוֹת ב]** דֶערְנָאךְ אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען; הָאט עֶר גֶעזֶעהְן: אַ 'נִידְרִיג שְׁטִיבֶּעלֶע' שְׁטֵייט אִין דֶער עֶרְד – אוּן דִי 'פֶענְסְטֶער' זֶענֶען אוּנְטְן, מַמָשׁ נָאנְט צוּ דִי עֶרְד – אוּן דֶער 'דַאךְ' אִיז צוּבְּרָאכְן אוּן פַאלְט אַיין!

אוּן עֶר הָאט גֶעזֶעהְן: "אַז דָארְט זִיצְט אֵיינֶער, אוּן שְׁפִּילְט אוֹיף אַ 'פִידֶעלֶע', וָואס מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר צוּהֶערְן כְּדֵי מְ'זָאל קֶענֶען הֶערְן דָאס קוֹל; אוּן עֶר אִיז זֵייעֶר פְרֵיילֶעךְ; אוּן אַ 'טָאפּ מִיט מַשְׁקֶה' שְׁטֵייט פַאר אִים, אוּן דִי 'מַשְׁקֶה' אִיז גֶעוֶוען 'וַויין', אוּן 'מַאֲכָלִים' שְׁטֵייעֶן פַאר אִים; אוּן עֶר אִיז זֵייעֶר פְרֵיילֶעךְ, פוּל מִיט שִׂמְחָה, אָן קַיין שׁוּם זָארְג"!

אִיז דֶער 'מֶלֶךְ' אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין שְׁטוּבּ אַרַיין, אוּן עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט אִין זַיין 'שָׁלוֹם' [בַּאגְרִיסְט]! – הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט [צוּרִיק בַּאגְרִיסְט]! – אוּן דֶער 'מֶלֶךְ' הָאט גֶעזֶעהְן: דֶעם 'טָאפּ מַשְׁקֶה' מִיט דִי 'מַאֲכָלִים' שְׁטֵייעֶן פַאר אִים! אוּן עֶר אִיז נָאר פוּל מִיט שִׂמְחָה!

הָאט עֶר מְכַבֵּד גֶעוֶוען דֶעם 'מֶלֶךְ', עֶר זָאל אוֹיךְ טְרִינְקֶען! – אוּן עֶר [דֶער 'מֶלֶךְ'] הָאט [טַאקֶע] אוֹיךְ גֶעטְרוּנְקֶען מַחֲמַת 'לִיבְּשַׁאפְט'!

דֶערְנָאךְ הָאט זִיךְ דֶער 'מֶלֶךְ' דָארְט גֶעלֵייגְט שְׁלָאפְן! – אוּן עֶר הָאט גֶעזֶעהְן: "אַז עֶר אִיז נָאר פְרֵיילֶעךְ, אָן קַיין שׁוּם זָארְג"!

*

אִינְדֶערְפְרִי: אִיז דֶער 'מֶלֶךְ' אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען! – אוּן 'עֶר' אִיז אוֹיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען! – אוּן עֶר הָאט בַּאגְלֵייט דֶעם 'מֶלֶךְ'! – הָאט אִים דֶער 'מֶלֶךְ' גֶעפְרֶעגְט: "פוּן וואוּ נֶעמְסְטוּ דָאס אַלֶעס"?!

הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ קֶען פַארְרֶעכְטְן אַלֶע זַאכְן וָואס זֵיי וֶוערְן קַאלְיֶע (מְ'רוּפְט דָאס: 'נַאפְּרִיוְוקֶעס'); קַיין 'גַאנְצֶע מְלָאכָה' קֶען אִיךְ נִישְׁט, נָאר צוּ פַארְרֶעכְטְן זַאכְן וָואס וֶוערְן קַאלְיֶע; אוּן אִיךְ גֵיי מִיר אַרוֹיס אַלֶע אִינְדֶערְפְרִי, אוּן פַארְרֶעכְט עֶטְלִיכֶע זַאכְן; אוּן אַז אִיךְ זַאמְל זִיךְ צוּזַאם דֶערְפוּן, 'פִינֶעף־זֶעקְס גִילְדְן', קוֹיף אִיךְ מִיר דִי דָאזִיגֶע אַלֶע זַאכְן פוּן 'עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען'"!

*

אַז דֶער 'מֶלֶךְ' הָאט דָאס גֶעהֶערְט, הָאט עֶר זִיךְ גֶעטְרַאכְט: "אִיךְ וֶועל אִים דָאס קַאלְיֶע מַאכְן"!

אִיז גֶעגַאנְגֶען דֶער 'מֶלֶךְ', אוּן הָאט אוֹיסְגֶערוּפְן אַ 'כְּרוּז': "אַז וֶוער סְ'וֶועט הָאבְּן עֶפֶּעס אַ זַאךְ צוּ פַארְרֶעכְטְן, זָאל עֶר דָאס נִישְׁט גֶעבְּן פַאר קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ; נָאר עֶר זָאל דָאס אַלֵיין פַארְרֶעכְטְן, אָדֶער עֶר זָאל זִיךְ קוֹיפְן אַ נַייעֶ זַאךְ"!

**[אוֹת ג]** אִינְדֶערְפְרִי: אִיז זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ גֶעגַאנְגֶען נָאכְפְרֶעגְן אוֹיף זַאכְן צוּ פַארְרֶעכְטְן! – הָאט מֶען אִים גֶעזָאגְט: "אַז דֶער 'מֶלֶךְ' הָאט גוֹזֵר גֶעוֶוען: אַז מְ'זָאל נִישְׁט גֶעבְּן פַאר קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ, צוּ פַארְרֶעכְטְן קַיין שׁוּם זַאךְ"! – אִיז אִים גֶעוָוארְן שְׁלֶעכְט פַאר זַיינֶע אוֹיגְן! נָאר עֶר הָאט זִיךְ פַארְזִיכֶערְט אִין הַשֵׁם־יִתְבָּרַךְ!

אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען, הָאט עֶר גֶעזֶעהְן: "אַ 'גְבִיר' הַאקְט הָאלְץ"! – הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט: "פַארְוָואס הַאקְסְטוּ הָאלְץ, אִיז דָאס דֶען דַיין כָּבוֹד"?! – הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ הָאבּ גֶעזוּכְט אַ מֶענְטְשׁ עֶר זָאל מִיר הַאקְן דָאס הָאלְץ, הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעטְרָאפְן, הָאבּ אִיךְ גֶעמוּזְט אַלֵיין הַאקְן"!

הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט: "גֶעבּ מִיר, וֶועל אִיךְ הַאקְן"! – הָאט עֶר זִיךְ אַנִידֶערְגֶעשְׁטֶעלְט אוּן הָאט צוּהַאקְט דָאס הָאלְץ! – אוּן דֶער גְבִיר הָאט אִים גֶעגֶעבְּן דֶערְפַאר אַ 'גִילְדְן'!

הָאט עֶר גֶעזֶעהְן: "אַז דָאס אִיז גוּט"! – אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען הַאקְן נָאךְ הָאלְץ! – בִּיז עֶר הָאט אַיינְגֶעזַאמְלְט 'זֶעקְס גִילְדְן'! – אוּן עֶר הָאט נָאכְאַמָאל גֶעקוֹיפְט דִי גַאנְצֶע [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע] סְעוּדָה! – אוּן דִי סְעוּדָה אִיז אַ סְעוּדָה! – אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילֶעךְ!

*

אוּן דֶער 'מֶלֶךְ' אִיז נָאכְאַמָאל גֶעגַאנְגֶען זֶעהְן אוּנְטֶער זַיינֶע פֶענְסְטֶער! - הָאט עֶר גֶעזֶעהְן: "אַז עֶר זִיצְט, אוּן דִי 'מַשְׁקֶה' אוּן דִי 'מַאֲכָלִים' שְׁטֵייעֶן פַאר אִים, אוּן עֶר אִיז זֵייעֶר פְרֵיילֶעךְ"!

אִיז דֶער 'מֶלֶךְ' אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין שְׁטוּבּ אַרַיין, אוּן הָאט דָאס אַלֶעס גֶעזֶעהְן! - אוּן עֶר הָאט זִיךְ דָארְט גֶעלֵייגְט שְׁלָאפְן אַזוֹי־וִוי דִי עֶרְשְׁטֶע נַאכְט!

אִינְדֶערְפְרִי: אִיז דֶער מֶענְטְשׁ אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אוּן הָאט בַּאגְלֵייט דֶעם 'מֶלֶךְ'! - הָאט אִים דֶער 'מֶלֶךְ' גֶעפְרֶעגְט: "פוּן וואוּ נֶעמְסְטוּ דָאס אַלֶעס, וַוייל דָאס קָאסְט דָאךְ גֶעלְט"?!

הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "מַיין שְׁטֵייגֶער אִיז גֶעוֶוען, צוּ פַארְעֶכְטְן אַלֶע זַאכְן וָואס וֶוערְן קַאלְיֶע! דֶערְנָאךְ הָאט דֶער 'מֶלֶךְ' גוֹזֵר גֶעוֶוען: 'אַז מְ'זָאל מֶער נִישְׁט גֶעבְּן פַאר קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ, צוּ פַארְעֶכְטְן קַיין שׁוּם זַאךְ'! - בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעהַאקְט הָאלְץ, בִּיז אִיךְ הָאבּ אַיינְגֶעזַאמְלְט גֶעלְט פַאר דִי סְעוּדָה"!

אִיז דֶער 'מֶלֶךְ' אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען פוּן אִים, אוּן הָאט גוֹזֵר גֶעוֶוען: "אַז מְ'זָאל נִישְׁט גֶעבְּן פַאר קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ צוּ הַאקְן הָאלְץ"!

**[אות ד]** אַזוֹי־וִוי עֶר קוּמְט נָאכְאַמָאל צוּ יֶענֶעם מֶענְטְשׁ צוּ הַאקְן הָאלְץ! - הָאט אִים יֶענֶער גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אַז דֶער 'מֶלֶךְ' הָאט גוֹזֵר גֶעוֶוען: אַז מְ'זָאל נִישְׁט גֶעבְּן פַאר קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ צוּ הַאקְן הָאלְץ"! - אִיז אִים גֶעוָוארְן שְׁלֶעכְט פַאר זַיינֶע אוֹיגְן, וַוייל סְ'אִיז נִישְׁט דָא קַיין גֶעלְט פַאר דִי סְעוּדָה! נָאר עֶר הָאט זִיךְ פַארְזִיכֶערְט אִין הַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ!

אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען, הָאט עֶר גֶעזֶעהְן: "אֵיינֶער רֵיינִיגְט אַ שְׁטַאל"! - הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט: "וֶוער בִּיזְטוּ אַז דוּ זָאלְסְט רֵיינִיגְן אַ שְׁטַאל"?! - הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ הָאבּ אַרוּמְגֶעזוּכְט, אוּן נִישְׁט גֶעפִינֶען וֶוער סְ'זָאל מִיר רֵיינִיגְן, הָאבּ אִיךְ גֶעמוּזְט אַלֵיין רֵיינִיגְן"!

הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט: "גֶעבּ מִיר, אוּן אִיךְ וֶועל דִיר רֵיינִיגְן"! - הָאט עֶר זִיךְ אַנִידֶערְגֶעשְׁטֶעלְט, אוּן הָאט אוֹיסְגֶערֵיינִיגְט דֶעם שְׁטַאל! - אוּן עֶר הָאט אִים גֶעגֶעבְּן דֶערְפַאר 'צְוֵויי גִילְדְן'!

אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאט גֶערֵיינִיגְט נָאךְ שְׁטַאלְן! - אוּן הָאט אַיינְגֶעזַאמְלְט 'זֶעקְס גִילְדְן'! - אוּן עֶר הָאט נָאכְאַמָאל גֶעקוֹיפְט דִי גַאנְצֶע [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע] סְעוּדָה! - אוּן עֶר אִיז אַהֵיימְגֶעגַאנְגֶען! - אוּן דִי סְעוּדָה אִיז אַ סְעוּדָה! - אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילֶעךְ!

*

אוּן דֶער 'מֶלֶךְ' אִיז ווִידֶער גֶעגַאנְגֶען זֶעהְן! - הָאט עֶר ווִידֶער גֶעזֶעהְן דָאס אַלֶעס! - אוּן אִיז אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין שְׁטוּבּ אַרַיין אַזוֹי־וִוי פְרִיעֶר!

דֶערְנָאךְ אִינְדֶערְפְרִי: הָאט עֶר ווִידֶער בַּאגְלֵייט דֶעם 'מֶלֶךְ'! - הָאט אִים דֶער 'מֶלֶךְ' ווִידֶער גֶעפְרֶעגְט אַזוֹי־וִוי פְרִיעֶר! - הָאט עֶר אִים דֶערְצֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה!

אִיז דֶער 'מֶלֶךְ' גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאט גוֹזֵר גֶעוֶוען: "אַז מְ'זָאל נִישְׁט גֶעבְּן פַאר קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ, צוּ רֵיינִיגְן קַיין שְׁטַאלְן"!

**[אות ה]** אִינְדֶערְפְרִי: אִיז דֶער מֶענְטְשׁ גֶעגַאנְגֶען זוּכְן צוּ 'רֵיינִיגְן שְׁטַאלְן'! - הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אַז דֶער 'מֶלֶךְ' הָאט גוֹזֵר גֶעוֶוען: אַז מְ'זָאל נִישְׁט גֶעבְּן פַאר קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ צוּ רֵיינִיגְן שְׁטַאלְן"!

אִיז דֶער מֶענְטְשׁ גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאט זִיךְ פַארְדִינְגֶען פַאר אַ 'סָאלְדַאט', בַּיי דֶעם 'מִינִיסְטֶער' וָואס נֶעמְט 'סָאלְדַאטְן' צוּם 'מֶלֶךְ'! - וַוייל סְ'אִיז פַארְהַאן 'סָאלְדַאטְן' וָואס מֶען נֶעמְט זֵיי מִיט גֶעוַואלְד, וָואס סְ'קוּמְט פוּן דִי מְדִינָה פַארְן 'קֶענִיג'; אוּן סְ'אִיז פַארְהַאן 'סָאלְדַאטְן' וָואס מֶען דִינְגְט זֵיי!

אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאט זִיךְ פַארְדִינְגֶען פַאר אַ 'סָאלְדַאט'! - אוּן עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶענוּמֶען אַ 'תְּנַאי' מִיטְן 'מִינִיסְטֶער': - 1) "אַז עֶר פַארְדִינְגְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיףְ אֵייבִּיג, נָאר אוֹיףְ אַ גֶעוִויסֶע צַייט! - 2) אוּן אוֹיךְ: אַז יֶעדְן טָאג אִינְדֶערְפְרִי, זָאל עֶר אִים בַּאצָאלְן פַאר דֶעם טָאג"!

אוּן דֶער 'מִינִיסְטֶער', הָאט אִים תֵּיכֶּף אָנְגֶעקְלֵיידְט מִיט דִי 'קְלֵיידֶער' פוּן אַ 'סָאלְדַאט'! - אוּן הָאט אִים אָנְגֶעהָאנְגֶען אַ 'שְׁוֶוערְד' אִין דֶער זַייט! - אוּן עֶר הָאט אִים גֶעשִׁיקְט וואוּ עֶר הָאט בַּאדַארְפְט!

דֶערְנָאךְ פַארְנַאכְט: אַז עֶר הָאט אָפְּגֶעטוּהְן זַיין אַרְבֶּעט, הָאט עֶר אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן פוּן זִיךְ דִי '[סָאלְדַאט] קְלֵיידֶער', אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאט ווִידֶער גֶעקוֹיפְט דִי גַאנְצֶע סְעוּדָה! - אוּן עֶר אִיז אַהֵיימְגֶעגַאנְגֶען! - אוּן דִי סְעוּדָה אִיז אַ סְעוּדָה! - אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילֶעךְ!

*

אִיז דֶער 'מֶלֶךְ' ווִידֶער גֶעגַאנְגֶען זֶעהְן! - הָאט עֶר גֶעזֶעהְן: "אַז אַלֶעס אִיז צוּגֶעגְרֵייט, אוּן עֶר אִיז זֵייעֶר פְרֵיילֶעךְ"! - אִיז עֶר אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין זַיין שְׁטוּבּ אַרַיין, אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעלֵייגְט דָארְטְן אַזוֹי־וִוי פְרִיעֶר! - אוּן דֶער 'מֶלֶךְ' הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט אַזוֹי־וִוי פְרִיעֶר! - הָאט עֶר אִים דֶערְצֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, אַלֶעס אַזוֹי־וִוי פְרִיעֶר!

*

אִיז גֶעגַאנְגֶען דֶער 'מֶלֶךְ', אוּן הָאט גֶערוּפְן דֶעם 'מִינִיסְטֶער', אוּן עֶר הָאט אִים בַּאפוֹילְן: "אַז עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט דֶערְוַוייגְן צוּ צָאלְן פוּן דִי קַאסֶע פַאר קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אִין דֶעם טָאג"!

**[אות ו]** אִינְדֶערְפְרִי: אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּ דֶעם 'מִינִיסְטֶער': "אַז עֶר זָאל אִים בַּאצָאלְן פַאר דֶעם טָאג"! – הָאט עֶר נִישְׁט גֶעוָואלְט!

הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט: "אִיךְ הָאבּ זִיךְ דָאךְ אוֹיסְגֶענוּמֶען מִיט דִיר אַ תְּנַאי: אַז דוּ זָאלְסְט מִיר צָאלְן אַלֶע טָאג"?! – הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אַז דֶער 'מֶלֶךְ' הָאט גוֹזֵר גֶעוֶוען: אַז הַיינְט זָאל מֶען נִישְׁט צָאלְן פַאר קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ"! – אוּן וָואס עֶר הָאט מִיט אִים גֶעטַעֲנֶה'ט, הָאט נִישְׁט גֶעהָאלְפְן!

הָאט אִים דֶער 'מִינִיסְטֶער' גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ וֶועל דִיר בֶּעסֶער בַּאצָאלְן מָארְגְן, אוֹיף צְוֵויי טֶעג, אוּן הַיינְט קֶען אִיךְ דִיר נִישְׁט בַּאצָאלְן"!

*

וָואס הָאט עֶר גֶעטוּהְן?! – אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאט אָפְּגֶעבְּרָאכְן אַ 'שְׁטִיקְל' פוּן דֶעם 'שְׁוֶוערְד', אוּן הָאט פַארְרָאכְטְן אִיר פְּלַאץ מִיט אַ 'שְׁטִיקְל הָאלְץ', אַז אוֹיסְנְוֵוייגִיג הָאט מֶען דָאס גָארְנִישְׁט דֶערְקֶענְט! – אוּן אִיז גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאט פַאר'מַשְׁכְּנְ'ט דָאס 'שְׁטִיקְל שְׁוֶוערְד', אוּן הָאט וִוידֶער גֶעקוֹיפְט דִי גַאנְצֶע [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע] סְעוּדָה! – אוּן דִי סְעוּדָה אִיז אַ סְעוּדָה!

*

אוּן דֶער 'מֶלֶךְ' אִיז וִוידֶער גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאט גֶעזֶעהְן: "אַז דִי שִׂמְחָה אִיז בִּשְׁלֵימוּת אַזוֹי־וִוי פְרִיעֶר"! – אִיז עֶר וִוידֶער אַרֵיינְגֶעגַאנְגֶען צוּ אִים אִין שְׁטוּבּ, אוּן הָאט זִיךְ דָארְט גֶעלֵייגְט אַזוֹי־וִוי פְרִיעֶר, אוּן הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט אַזוֹי־וִוי פְרִיעֶר!

הָאט עֶר אִים דֶערְצֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה: "אַז עֶר הָאט גֶעמוּזְט אָפְּבְּרֶעכְן דֶעם 'שְׁפִּיץ' פוּן דֶעם 'שְׁוֶוערְד' וָואס לִיגְט אִינֶעם 'שֵׁיידְל' פוּנֶעם 'שְׁוֶוערְד'; אוּן עֶר הָאט דָאס פַאר'מַשְׁכְּנְ'ט, כְּדֵי צוּ קוֹיפְן דִי סְעוּדָה; אוּן דֶערְנָאךְ וֶוען אִיךְ וֶועל בַּאקוּמֶען דִי גֶעלְט פַאר דֶעם טָאג, וֶועל אִיךְ דַאן אוֹיסְלֵייזְן דֶעם 'שְׁפִּיץ', אוּן אִיךְ וֶועל פַארְרֶעכְטְן דֶעם 'שְׁוֶוערְד'; אוּן דָאס וֶועט זִיךְ גָארְנִישְׁט דֶערְקֶענֶען, וַוייל אִיךְ קֶען דָאךְ פַארְרֶעכְטְן אַלֶע זַאכְן וָואס זֶענֶען קַאלְיֶע גֶעוָוארְן; אוּן דֶער 'מֶלֶךְ' וֶועט נִישְׁט הָאבְּן דֶערְפוּן קַיין שׁוּם שָׁאדְן"!

**[אות ז]** אִיז דֶער 'מֶלֶךְ' אַהֵיימְגֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאט גֶערוּפְן דֶעם 'מִינִיסְטֶער', אוּן עֶר הָאט אִים אָנְגֶעזָאגְט: "וִויבַּאלְד סְ'אִיז פַארְהַאן אֵיינֶער וָואס אִיז 'חַיָּיב מִיתָה', דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ רוּפְן דֶעם 'סָאלְדַאט' וָואס דוּ הָאסְט אִים גֶעדִינְגֶען עֶר זָאל זַיין אַ 'סָאלְדַאט', אוּן זָאלְסְט דַוְקָא אִים בַּאפוֹילְן: אַז עֶר זָאל אָפְּשְׁנַיידְן דֶעם קָאפּ פוּן דֶעם וָואס אִיז 'חַיָּיב מִיתָה'"!

אִיז גֶעגַאנְגֶען דֶער מִינִיסְטֶער, אוּן הָאט אַזוֹי גֶעטוּהְן, אוּן עֶר הָאט אִים גֶערוּפְן! – אִיז דֶער מֶענְטְשׁ גֶעקוּמֶען פַאר דֶעם 'מֶלֶךְ'!

אוּן דֶער 'מֶלֶךְ' הָאט בַּאפוֹילְן: "אַז סְ'זָאלְן זִיךְ אַיינְזַאמְלְן אַלֶע 'שָׂרִים' – כְּדֵי זֵיי זָאלְן זֶעהְן דָאס דָאזִיגְן 'גֶעלֶעכְטֶער': אַז סְ'אִיז גֶעפוּנֶען גֶעוָוארְן אַ מֶענְטְשׁ, וָואס הָאט אוֹיף דֶעם פְּלַאץ פוּנֶעם 'שְׁוֶוערְד', אַרֵיינְגֶעשְׁטֶעקְט אַ 'שְׁטִיקְל הָאלְץ'"!

*

אוּן עֶר אִיז גֶעקוּמֶען פַארְן 'מֶלֶךְ', אוּן אִיז גֶעפַאלְן צוּ זַיינֶע פִיס, אוּן הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "אֲדוֹנִי הַמֶּלֶךְ! אוֹיף וָואס רוּפְט מֶען מִיךְ"?! – הָאט אִים דֶער 'מֶלֶךְ' גֶעזָאגְט: "כְּדֵי אָפְּצוּשְׁנַיידְן דֶעם קָאפּ פוּן דֶעם וָואס אִיז 'חַיָּיב מִיתָה'"!

הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן הָאט זִיךְ גֶעבֶּעטְן פוּן אִים: "אַז אַזוֹי־וִוי עֶר הָאט נָאךְ קַיינְמָאל אִין זַיין לֶעבְּן, נִישְׁט פַארְגָאסְן קַיין בְּלוּט, זָאל עֶר דֶערִיבֶּער רוּפְן דֶערְצוּ אַ אַנְדֶערְן"! – הָאט אִים דֶער 'מֶלֶךְ' גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אַז דַוְקָא נָאר עֶר, מוּז אַצִינְד פַארְגִיסְן דָאס בְּלוּט, פוּן דֶעם וָואס אִיז 'חַיָּיב מִיתָה'"!

**הָאט עֶר גֶעזָאגְט צוּם 'מֶלֶךְ': "אִיז דֶען שׁוֹין דָא דֶערוֹיף אַ 'קְלָארֶער פְּסַק־דִין'"? – טָאמֶער אִיז נָאכְנִישְׁט קְלָאר דֶער 'דִין', אַז עֶר אִיז 'חַיָּיב מִיתָה'? – אוּן אִיךְ הָאבּ נָאךְ קַיינְמָאל אִין מַיין לֶעבְּן נִישְׁט פַארְגָאסְן קַיין בְּלוּט – מִכָּל־שֶׁכֵּן אִיךְ זָאל פַארְגִיסְן אַזַא בְּלוּט, וָואס אִיז נָאכְנִישְׁט קְלָאר אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז 'חַיָּיב מִיתָה'"!**

הָאט אִים דֶער 'מֶלֶךְ' גֶעעֶנְטְפֶערְט: "זִיכֶער אִיז שׁוֹין קְלָאר דֶער 'דִין', אַז עֶר אִיז 'חַיָּיב מִיתָה' – וַוייל סְ'אִיז שׁוֹין זִיכֶער דָא דֶערוֹיף אַ 'פְּסַק' (מְ'רוּפְט דָאס: 'דֶעקְרִיט')! אוּן אַצִינְד, נָאר דוּ דַוְקָא מוּזְט פַארְגִיסְן זַיין בְּלוּט"!

*

הָאט עֶר גֶעזֶעהְן: "אַז עֶר קֶען גָארְנִישְׁט פוּעֶלְן בַּיי דֶעם 'מֶלֶךְ'"! – הָאט עֶר זִיךְ גֶעוָואנְדְן צוּ 'הַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ', אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט: **"אַלְמֶעכְטִיגֶער גָאט! אִיךְ הָאבּ נָאךְ קַיינְמָאל אִין מַיין לֶעבְּן נִישְׁט פַארְגָאסְן קַיין בְּלוּט; אוּן אוֹיבּ דֶער דָאזִיגֶער מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט 'חַיָּיב מִיתָה', בֶּעט אִיךְ דִיר: אַז פוּן דֶעם 'אַייזְן' פוּן דִי 'שְׁוֶוערְד', זָאל וֶוערְן 'הָאלְץ'"!**

אוּן עֶר הָאט אַ כַאפּ גֶעטוּהְן דִי 'שְׁוֶוערְד', אוּן אִיר אַרוֹיסְגֶעצוֹיגְן פוּן אִיר 'שֵׁיידְל'! – הָאבְּן אַלֶע גֶעזֶעהְן: "אַז סְ'אִיז גָאר 'הָאלְץ'"! – **אִיז דָארְט גֶעוָוארְן אַ 'גְרוֹיס גֶעלֶעכְטֶער'!**

הָאט דֶער 'מֶלֶךְ' גֶעזֶעהְן: "אַז עֶר אִיז אַזַא שֵׁיינֶער מֶענְטְשׁ"! – הָאט עֶר אִים אַהֵיימְגֶעשִׁיקְט לְשָׁלוֹם!

# דער געווינער אויף די שיחות פון נאך די מעשיות 2 איז
# נחמן בעק צוקער, בית שמש

## צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל,
## 02-5-3333-72
## 646-585-3040

## א בחינה אויף די מעשה פון בטחון

**א. ווען הא דער רבי דערציילט די מעשה פון בטחון?**
- ❑ ד׳ אלול תקס״ו
- ❑ ביינאכט צו ד׳ אלול תקס״ו
- ❑ ביינאכט צו ד׳ אלול תקס״ז

**ב. וואס האט דער קעניג געטראכט? אויב ער קען טרעפן?**
- ❑ איינער וואס איז שטארקער פון אים
- ❑ איינער וואס האט א שענערע פאלאץ פון אים
- ❑ איינער וואס האט ווייניגער דאגות פון אים

**ג. וואס האט דער קעניג געהערט פון די הייזער?**
- ❑ די זארגען (דאגות) פון יעדעם
- ❑ ווי מענטשן ארבעטן
- ❑ אז יעדער איז פרייליך

**ד. וויאזוי האט אויסגעזעהן די נידריגע הויז?**
- ❑ די פענסטערס נידריג נאנט צו דער ערד
- ❑ די דאך איז צובראכן און פאלט איין
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ה. וואס האט ער געזעהן אינעווייניג?**
- ❑ ווי איינער זיצט אינגאנצן פארזארגט און טרויעריג
- ❑ ווי איינער שפילט אויף א פייפער און איז זייער פרייליך
- ❑ ווי איינער שפילט אויף א פידל און איז זייער פרייליך

**ו. וואס נאך איז געווען דארטן?**
- ❑ ברויט און וואסער
- ❑ ווייז און נאך מיני עסן
- ❑ נאר וואסער

**ז. וואס האט דער קעניג געטון?**
- ❑ ער איז אריין און געגעבן שלום
- ❑ ער איז זיך ווייטער געגאנגען
- ❑ ער איז געבליבן אינדרויסן הערן ווי ער זינגט

**ח. וואס דערציילט דער מענטש פון וואו האט ער געלד פאר די סעודה?**
- ❑ אז ער גנב׳ט 5-6 רענדלעך און קויפט זיך די סעודה
- ❑ אז ער בארגט 5-6 רענדלעך און קויפט זיך די סעודה
- ❑ אז ער פארעכט כלים און פארדינט 5-6 רענדלעך און קויפט זיך די סעודה

**ט. וויאזוי האט עס דער קעניג פרובירט צו שטערן?**
- ❑ ער האט גוזר געווען אז יענע טאג טאר מען נישט באצאלן פאר א ארבעטער
- ❑ ער האט גוזר געווען אז מ׳טאר נישט געבן פאר א אנדערן צו פארעכטן כלים
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**י. וואס האט דער מענטש געטון ווען ער האט געהערט די גזירה?**
- ❑ ער איז געווארן בעצבות ביז ער האט געטראפן געלד צו קויפן די סעודה
- ❑ ער האט געשריגן אקעגן די שטוב פון קעניג ביז ער האט אים געגעבן געלד פאר די סעודה
- ❑ עס איז אים געווארן שלעכט אין זיינע אויגן אבער ער האט זיך פארזיכערט אין באשעפער און דער אויבישטער האט אים געהאלפן ער האט געטראפן ביי ווען צו האקן האלץ

**יא. וואס איז די לשון וואס דער רבי זאגט אויף די סעודה?**
- ❑ און די סעודה איז געווען א קליין סעודה׳לע
- ❑ און די סעודה איז געווען א סעודה
- ❑ און די סעודה אין געווען גאר גוט

**יב. וואס האט דער קעניג געטון נאכדעם וואס ער האט געזעהן אז ער האט אים נישט געקענט צושטערן די סעודה?**
- ❑ ער האט גוזר געווען אז מ׳טאר נישט פארקויפן די עסנס וואס ער האט געהאט ביי זיין סעודה
- ❑ ער האט גוזר געווען אז מ׳טאר נישט געבן פאר א צווייטן צו האקן האלץ
- ❑ ער האט זיך מייאש געווען פון צו שטערן פאר דער מענטש

**יג. וואס האט דער קעניג געטון ווען ער האט געהערט אז ער האט גערייניגט א שטאל און אזוי געהאט געלד פאר די סעודה?**
- ❑ ער האט גוזר געווען אז יענע טאג טאר מען נישט באצאלן פאר א ארבעטער
- ❑ ער האט גוזר געווען אז מ׳טאר נישט געבן פאר א צווייטן צו רייניגן א שטאל
- ❑ ער האט זיך מייאש געווען פון צו שטערן פאר דער מענטש

**יד. וואס האט דער קעניג געטון ווען ער האט געהערט אז ער האט זיך פארדינגען פאר א סאלדאט און אזוי געהאט געלד פאר די סעודה?**
- ❑ ער האט געזאגט פאר די מיניסטער אז ער טאר קיינעם נישט באצאלן יענע טאג
- ❑ ער האט געזאגט פאר די מיניסטער אז ער טאר מער קיינעם נישט באצאלן פאר די ארבעט
- ❑ ער האט זיך מייאש געווען פון צו שטערן פאר דער מענטש

**טו. וואס האט דער מענטש געטון ווען דער מיניסטער האט אים נישט געוואלט באצאלן?**
- ❑ ער האט פאר׳משכנ׳ט די אייזען פון די שווערד און געקויפט די סעודה
- ❑ ער האט נאכאמאל אנגעהויבן פארעכטן כלים
- ❑ ער איז געווארן בעצבות און נישט געהאט יענע טאג וואס צו עסן ר״ל

**טז. וואס האט דער קעניג געזאגט פאר דער מיניסטער?**
- ❑ אז איינער פון די סאלדאטן זאל אפשניידן די קאפ פון דער וואס איז חייב מיתה
- ❑ אז דער מענטש זאל אפשניידן די קאפ פון דער וואס איז חייב מיתה
- ❑ אז ער זאל פארשיקן דער מענטש פון צו זיין א סאלדאט ביי אים

**יז. וואס האט דער מענטש געזאגט פאר׳ן באשעפער?**
- ❑ אז איך האב קיינמאל נישט פארגאסן בלוט מאך א נס אז דער וואס איז חייב מיתה זאל אליין שטארבן
- ❑ אז איך האב קיינמאל נישט פארגאסן בלוט מאך א נס אז זיין האלז זאל ווערן הארט ווי א שטיין
- ❑ אז אויב דער מענטש איז נישט חייב מיתה זאל די שווערד ווערן האלץ

**יח. וואס האט דער קעניג ביים סוף געטון?**
- ❑ ער האט אים איינגעשפארט אין תפיסה
- ❑ ער האט אים געמאכט פאר א מיניסטער
- ❑ ער האט אים אהיימגעשיקט לשלום

בעזהשי"ת

# מעמד סיום
על ספר הקדוש
# סיפורי מעשיות
על ידי צעירי הצאן
דחסידי ברסלב
מחזור ב'

## מאנטאג פרשת חקת
# א' ראש חודש תמוז
# אולם אוהל פיגא
רחוב אדמו"ר מבעלזא 8,

בית שמש

## בשעה 4:00

4:00 פתיחת שערים

4:20 דברי פתיחה

4:30 ניגון כתר

4:40 תיקון הכללי, תפלה לראש השנה

5:00 סיום על ספה"ק סיפורי מעשיות

5:10 שאלות לחידוד הסיפורים

5:20 התחלת ספה"ק סיפורי מעשיות

5:30 וועלכע כתה גיי איך?

6:30 ריקודים והמחאת כף

6:45 גורלות ופרסים

7:00 סיום המעמד

פאר מער פרטים רופט **02-5-3333-72**

אויף קנעפל **3** וועט מען קענען הערן בעז"ה מודעות און ניגונים פאר'ן מעמד

מען בעט די חשוב'ע קינדער זאלן מתפלל זיין
אז דער הייליגער מעמד זאל ברענגען כבוד שמים
און כבוד פארן שם הצדיק.

